בס"ד

נשא תשפ"ה

גליון 240

# דעם רבינ'ס ליכט



אײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## כְּשֶׁאַתְּ רוֹצָה – וֶוען דוּ ווילְסְט!

מִיר שְׁטֵייעֶן נָאךְ אִין דִי וָואךְ פוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה, אַשְׁרֵינוּ וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אַזַא הֵיילִיגֶע לֶעבְּטִיגֶע תּוֹרָה, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן גוּט גֶעדֶענְקֶען יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג דֶער הֵיילִיגֶער מַעֲמָד, אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה וָוארְנְט אוּנְז אָן: "רַק הִשָּׁמֶר לְךָ וּשְׁמֹר נַפְשְׁךָ מְאֹד פֶּן תִּשְׁכַּח אֶת הַדְּבָרִים אֲשֶׁר רָאוּ עֵינֶיךָ וּפֶן יָסוּרוּ מִלְּבָבְךָ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ יוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בְּחֹרֵב (דְּבָרִים ד, ט).

דָאס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה פוּן דִי תּוֹרָה צוּ גֶעדֶענְקֶען יֶעדְן טָאג מַעֲמַד הַר סִינַי, אוּן דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ גָאר שְׁטַארְק צוּ פְרֵייעֶן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער אוּן גֶעגֶעבְּן זַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי מֶען מַאכְט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי דִי בְּרָכָה בַּיי בִּרְכַּת הַתּוֹרָה. מֶען דַארְף טַאקֶע מַאכְן דִי בְּרָכָה מִיט שִׂמְחָה אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין מִשְׁנָה בְּרוּרָה סִימָן מ"ז סְעִיף קָטָן ב'.

דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה פַארְצֵיילְט אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַז רֹאשׁ חֹדֶשׁ נִיסָן הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעעֶנְדִיגְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי מִשְׁכָּן אוּן אִיר גֶעזַאלְבְּט אוּן גֶעהֵיילִיגְט. וָואס הָאבְּן גֶעטוּן דִי צְוֶועלֶעף נְשִׂיאִים? זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט וִויאַזוֹי קֶענֶען מִיר אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען אוּנְזֶער גֶעוָואלְדִיגֶע שִׂמְחָה וֶוען מֶען זֶעט שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ וִוי מֶען שְׁטֶעלְט אוֹיף דִי מִשְׁכָּן, מִיט וָואס קֶענֶען מִיר מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִין דֶעם גְרוֹיסְן הֵיילִיגְן טָאג? בִּיז זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעמַאכְט צוּ בְּרֶענְגֶען קָרְבָּנוֹת, אָבֶּער אַזֶעלְכֶע קָרְבָּנוֹת וָואס גֶעוֶוענְדְלִיךְ בְּרֶענְגְט מֶען דָאס נִישְׁט פַאר אַ קָרְבַּן נְדָבָה, וִוי לְמָשָׁל קְטֹרֶת, אַ קָרְבַּן חַטָּאת. אַזוֹי אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט כְּלֵי שָׁרֵת, וֶועגֶענֶער, שִׁיסְלֶען, לֶעפְלֶעךְ, בֶּעקְן א.א.וו.

מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אוֹיבּ דָאס אִיז דֶער רָצוֹן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן צוּ נֶעמֶען פוּן זֵיי דִי אַלֶע זַאכְן, בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט: "קַח מֵאִתָּם וְהָיוּ לַעֲבֹד אֶת עֲבֹדַת אֹהֶל מוֹעֵד..." (בַּמִּדְבָּר ז, ה).

דָאס אִיז זֵייעֶר אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ וִויאַזוֹי הָאבְּן אַלֶע נְשִׂיאִים אוֹיפְאֵיינְמָאל גֶעטְרַאכְט צוּ בְּרֶענְגֶען דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן וִוי לְמָשָׁל עֶגְלַת בָּקָר - אַ וָואגְן וָואס אוֹיף דֶעם זָאל מֶען אָנְלָאדֶענֶען דִי מִשְׁכָּן? דֶער מִדְרָשׁ רַבָּה (שִׁיר הַשִּׁירִים פֶּרֶק ו' י') פְרֶעגְט טַאקֶע דִי שְׁאֵלָה, אוֹיפְן פָּסוּק "יָפָה אַתְּ כְּתִרְצָה", כְּתִרְצָה אִיז נוֹטָרִיקוֹן = כְּשֶׁאַתְּ רוֹצָה - וֶוען דוּ ווילְסְט!

זָאגְט דֶער מִדְרָשׁ: וֶוען דוּ ווילְסְט בֶּאֱמֶת דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְטוּ בֶּענְקֶען אוּן גְלוּסְטְן צוּ טוּן רְצוֹן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ! אוּן רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט: "לֵייג צוּ הָארֶץ צוּ יֶעדֶעס וָוארְט וָואס שְׁטֵייט אִין דֶער הֵיילִיגֶער לָשׁוֹן פוּן מִדְרָשׁ וִוי שְׁטַארְק עֶס וֶוערְט דָארְט אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט דִי גֶעוָואלְדִיגֶע מַעֲלָה פוּן אַ הֵיילִיגֶע רָצוֹן פוּן אַ אִידִישׁ קִינְד, אוּן אוֹיבּ יֶעדֶער אִיד וֶועט אַזוֹי בֶּענְקֶען אוּן דַארְשְׁטְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַרוֹיסְצוּזָאגְן זַיינֶע כִּסּוּפִין מִיטְן מוֹיל, וֶועט אִים דֶער רָצוֹן אַלֵיין מוֹדִיעַ זַיין וָואס צוּ טוּן,

וְויאַזוֹי צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן!

דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט טַאקֶע אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (שִׂיחָה נ"א) וֶוער קֶען טַאקֶע דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער? וֶוער עֶס וֵוייסְט נָאר אַבִּיסְל פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס גְרוֹיסְקֵייט, קֶען דֶען אֵיינֶער זָאגְן אָדֶער זִיךְ בַּארִימֶען אַז עֶר קֶען דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אַ מַלְאַךְ אָדֶער אַ שָׂרַף קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּארִימֶען אַז עֶר קֶען דִינֶען רִיכְטִיג דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

נָאר וָואס דֶען? דֶער עִיקָר אִיז אַז אִיד זָאל הָאבְּן רְצוֹנוֹת - אַ שְׁטַארְקֶע וִוילְן צוּ טוּן דֶער רָצוֹן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַיי אַלֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַ רָצוֹן צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן? עֶס אִיז אָבֶּער פַארְהַאן אַסַאךְ חִילוּקִים וִוי שְׁטַארְק מֶען וִויל, אֲפִילוּ בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ בַּאזוּנְדֶער אִיז דָא חִילוּקִים יֶעדְן שָׁעָה הָאט עֶר אַנְדֶערֶע רְצוֹנוֹת.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן יֶעדְן טָאג זוֹכֶה זַיין זִיךְ אוֹיסְצוּגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן אַרוֹיסְזָאגְן אוּנְזֶער וִוילְן אוּן בֶּענְקֶענִישְׁן מִיט אַ פוּלֶע מוֹיל, אַזוֹי וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן וִוי דֶער רָצוֹן הַשֵּׁם אִיז אוּן דֶער רָצוֹן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, בִּיז דִי וֶועלְט וֶועט קוּמֶען צוּ תִּיקוּן בִּשְׁלֵמוּת בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

# איין מעשה'לע

........

*דער באשעפער באווייזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

........

אוּפְּססס!

אַ גְרִיצְלְדִיגְע קְלַאפּ הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט פוּן טֶערַאסֶע. דֶער זֶעקְס יֶערִיגֶער נַחְמָן נָתָן וֶועלְכֶער אִיז פְּרֵיילִיךְ אַרוּמְגֶעפָארְן מִיט זַיין סְקוּטֶער (קאנקירנעט) הָאט זִיךְ בְּטָעוּת אוֹיסְגֶעגְלִיטְשְׁט אוּן גֶעטְרַאסְקֶעט צוּם צֶעמֶענְט מִיטְן קָאפּ אַרָאפּ.

"בָּרוּךְ הַשֵּׁם, סְ'אִיז נָאר אַ קְלֵיינֶער בַּייל אוֹיפְן שְׁטֶערְן," הָאט מֶען בַּאשְׁטֶעטִיגְט. קֵיינְמָאל קַיין עֶרְגֶערְס. "מְ'וֶועט בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין קְלַאפּ זָאל זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן," הָאט מֶען אִים בַּארוּאִיגְט.

סְ'אִיז נִישְׁט דָאס עֶרְשְׁטֶע אוּן לֶעצְטֶע מָאל וָואס אַ קִינְד פַאלְט אַרָאפּ אוּן צֶעקְלַאפְּט זִיךְ. אוֹיךְ נַחְמָן נָתָן אִיז שׁוֹין פִיל גֶעפַאלְן אִין זַיין לֶעבְּן...

אָבֶּער וֶוען נַחְמָן נָתָן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אָפְּצוּרֶעדְן אַז זַיין קָאפּ שְׁוִוינְדְלְט אִים, הָאט מֶען זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זָארְגְן.

עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיפְגֶעוָוארְפְן אוֹיפְן סָאפֶע אוּן גֶעבְּלִיבְּן לִיגְן דָארְט פַארְשְׁמַאכְטֶעד קְרֶעכְצְנְדִיג וִוי אַן אַלְטֶער אִיד אַז זַיין קָאפּ טוּט אִים וֵויי.

דָאס אִיז שׁוֹין נִישְׁט קַיין וִויץ.

"וִוילְסְט אַרוֹיפְקוּמֶען צוּם צִיּוּן?" הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט. וואוּ קֶען מֶען דֶען טְרֶעפְן מֶער אַ פַּאסִיגֶער דָאקְטָאר יֶעצְט אִין דֶעם דֶערְפְל מִירוֹן צְוֵויי שָׁעָה אֵיידֶער דֶער יוֹם טוֹב גְרֵייט זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁפְּרֵייטְן אִירֶע פְלִיגְלֶען אִיבֶּערְן הֵיילִיגְן אָרְט.

דָאס קִינְד הָאט גֶעשָׁאקְלְט מִיטְן קָאפּ אַ פָּאזִיטִיוְון עֶנְטְפֶער אָבֶּער אִין אֱמֶת'ן אִיז עֶר נִישְׁט מְסוּגָל גֶעוֶוען צוּ רִירְן אַן אֵבֶר.

מִיר הָאבְּן אִים אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוֹיף דִי הֶענְט וִוי מֶען פִירְט אַ חוֹלֶה אוּן אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּם צִיּוּן. אִיךְ הָאבּ

מִיךְ אַוֶועקְגֶעזֶעצְט אוֹיף אַ בֶּענְקְל וֶוען דָאס קִינְד לִיגְט אוֹיף מִיר אוֹיסְגֶעצוֹיגְן מִיט פַּארְגְלַייזְטֶע אוֹיגְן.

אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶענוּמֶען צוּם אוֹיסְגֶעפְּרוּבְטֶע מִיטְל אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַאר נַחְמָן נָתָן, נִישְׁט נָאר אוֹיף זַיין רְפוּאָה נָאר אִין אַלְגֶעמֵיין עֶר זָאל שְׁטֵייגְן אִין תּוֹרָה.

צוּבִּיסְלִיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען וִוי נַחְמָן נָתָנְ'ס אוֹיגְן פַּארְמַאכְן זִיךְ אוּן עֶר פַאלְט אַרַיין אִין אַ רוּאִיגְן שְׁלָאף. אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר גֵייט אַרִיבֶּער עֶפֶּעס אַ בַּאהַאנְדְלוּנְג פוּן גְרוֹיסְן דָאקְטָאר. מַיינֶע הֶענְט אוּן פִּיס הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן וַויי צוּטוּן פוּנֶעם דְרוּק פוּן שְׁוֶוערְן קִינְד אָבֶּער אִיךְ הָאבּ מוֹרָא גֶעהַאט זִיךְ צוּ רִירְן אִים נִישְׁט צוּ שְׁטֶערְן פוּן זַיין שְׁלָאף.

אַזוֹי אִיז עֶר גֶעשְׁלָאפְן בְּעֵרֶךְ אַ שָׁעָה צַייט. וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ נַייעֶ קִינְד. אַוֶועק מִיט דִי שְׁווִינְדְלֶען אוּן יִסוּרִים. אַהֵיים אִיז עֶר שׁוֹין אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע פִּיס!

שְׁפֶּעטֶער בַּיינַאכְט הָאט עֶר זִיךְ נָאכְאַמָאל אָפְּגֶערֶעדְט אוֹיף קָאפּ וֵויטָאג אָבֶּער בִּיז אַ טָאג אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוֶוען צוּרִיק צוּ זַיינֶע שְׁטִיפֶּערִישֶׁע קִינְדֶערִישֶׁע שְׁטִיקֶעס וָואס אַמָאל הָאט מִיר שְׁטַארְק גֶעאַרְט אָבֶּער אַצִינְד הָאבּ אִיךְ מִיךְ גֶעפְרֵייט צוּ זַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים, "אַבִּי גֶעזוּנְט!" זָאגְט מֶען...

תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת אִיז שׁוֹין נַחְמָן נָתָן אוֹיפְגֶעוֶועןבַּיי דִי מְעָרָה בִּיז פִּיר אַזֵייגֶער פַּארְטָאגְס!

יָא, רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז אוּנְזֶער גְרוֹיסֶער דָאקְטָאר.

המשך פון זייט 8

# אַ נֶעץ וָואס שְׁלֶעפְּט אַרַיין

נָאךְ אַ שְׁטַאפְּל, אוּן נָאךְ אֵיינְס, אוּן עֶס וֶוערְט נָאךְ מֶער שְׁוֶוער. מְ'קֶען זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט דֶעם אַסַאךְ שָׁעוֹת. אִיךְ זִיץ אוֹיפְן סָאפֶע (קָאוֹטְשׁ) אוּן אִיךְ בִּין פַּארְנוּמֶען מִיט דֶעם אַ לַאנְגֶע צַייט בִּיז סְ'וֶוערְט נַאכְט. קוּק וִויפִיל קָאפּ סְ'לִיגְט אִין דֶעם שְׁפִּיל, דֶער וָואס הָאט עֶס צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט אִיז אַ גָאוֹן..."

זֵיידֶע: "מַיין טַייעֶרֶער אַבְרָהמִי, אַ קִינְד מֶעג זִיךְ שְׁפִּילְן אוּן הֲנָאָה הָאבְּן. נִישְׁט נָאר עֶר מֶעג, עֶר דַארְף אוּן סְ'אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב. אִיךְ פְרַיי זִיךְ אַז דוּ שְׁפִּילְסְט אוּן דוּ הָאסְט הֲנָאָה. אָבֶּער דוּ דַארְפְסְט צוּ לֵייגְן קָאפּ, צִי סְ'אִיז נִישְׁט דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס הָאט דִיר גֶעשִׁיקְט דֶעם שְׁפִּיל, כְּדֵי צוּ פַארְנֶעמֶען דַיין קָאפּ, דוּ זָאלְסְט זַיין טִיף אַרַיינְגֶעטוּן דֶערִין, בִּיז סְ'שְׁטֶערְט דִיר זִיךְ צוּ קָאנְצֶעטְרִירְן בַּיים לֶערְנֶען... קוּק אִיבֶּער אוֹיבּ דוּ בִּיזְט מַצְלִיחַ צוּ בַּאהֶערְשְׁן דִי צַייט וֶוען דִי שְׁפִּילְסְט זִיךְ, אוּן דוּ וֶוערְסְט נִישְׁט נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין דִי שְׁפֶּעטֶע נַאכְט שָׁעָהֶ'ן... טְרַאכְט עֶס אִיבֶּער.

"דֶער יֵצֶר הָרָע טְרֶעפְט אוֹיס פָארְגֶעשְׁרִיטֶענֶע שְׁפִּילְצַייג, אוּן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע בִּיכֶער מִיט בִּילְדֶער וָואס מַאכְן נַייגֶערִיג, נָאר כְּדֵי אַז עֶס זָאל אִים צוּם סוֹף גֶעלוּנְגֶען אוּנְז אַרַיינְצוּשְׁלֶעפְּן מִיט אוּנְזֶערֶע גֶעדַאנְקֶען, אַז עֶס זָאל אוּנְז זַיין שְׁוֶוער צוּ טוּן דָאס וָואס מִיר דַארְפְן עֶכְט טוּן: דַאוֶוענֶען מִיט כַּוָונָה, חֶסֶד אִין שְׁטוּבּ, שְׁפִּילְן מִיט חֲבֵרִים".

אַבְרָהמִי: "אַה, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי, דָאס אִיז וָואס מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין דִי מַעֲשֶׂה, אַז דֶער קֶענִיג הָאט גֶעבּוֹיט דִי דִי שֵׁיינֶע פְּרֶעכְטִיגֶע פַּאלַאצְן נָאר כְּדֵי צוּ אַרַיינְכַאפְּן דִי טַייעֶרֶע טָאכְטֶער פוּן קֵייסֶער אוּן אִיר פַאנְגֶען אִין זַיין שְׁלֶעכְטְן נֶעץ".

# לעובדא ולמעשה

הַא! אַ מִקְוֶה פוּן שָׁבוּעוֹת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט דָאךְ דִי גֶעוַואלְדִיגֶע מַעֲלָה אוּן גְרוֹיסֶע חֶסֶד וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה מִיט דֶער שָׁבוּעוֹת מִקְוֶה, וָואס מִיר הָאבְּן מַמָּשׁ אִין דִי וָואךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען, לָאמִיר כַּאפְּן אַ שְׁפַּאצִיר קַיין קִיבְּלִיטְשׁ זֶען וִויאַזוֹי רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער דִי מִקְוֶה דָארְט וִויאַזוֹי עֶס הָאט דָארְט אוֹיסְגֶעקוּקְט.

קִיבְּלִיטְשׁ אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטֶעטֶעלֶע , עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען דָארְטְן גְּבִירִים אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מִקְוֶה אָן אַ דָאךְ. וִוינְטֶער אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁנֵיי גֶעלֶעגְן אִין דֶער מִקְוֶה, עֶס אִיז גֶעוֶוען מְסִירַת נֶפֶשׁ מַמָּשׁ זִיךְ צוּ טוֹבל'ֶען אוּן אִידְן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה .

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט גֵיין אִין מִקְוֶה - אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן מוּז מֶען דָאךְ גֵיין אִין מִקְוֶה אַרַיין (שיחות הר"ן אות קפ"ה). עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער שְׁנֵיי, דִי גַאנְצֶע הוֹיז אִיז גֶעוֶוען פַארְדֶעקְט מִיט שְׁנֵיי, אוּן בַּיי דִי מִקְוֶה אַלֵיין אִיז דָאךְ קַיין דַאךְ נִישְׁטָא אִיז דִי מִקְוֶה גֶעוֶוען פוּל מִיט אַייז אוּן שְׁנֵיי.

אִיךְ וִויל דָאךְ גֵיין אִין מִקְוֶה, בִּין אִיךְ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען פְרִיעֶר צוּ ר' יַעֲקֹב יְשַׁעְיָה ז"ל מַיין שְׁווֶער'ס שְׁוֶוער, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְשְׁטֵיין בַּיינַאכְט חֲצוֹת .

אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז אִיךְ וִויל גֵיין אִין מִקְוֶה אַרַיין עֶר וָואלְט מִיר נִישְׁט גֶעלָאזְט בְּשׁוּם אוֹפָן - 'וִוי קֶען מֶען גֵיין אִין אַזֶעלְכֶע קֶעלְט'?

הָאט מִיר דֶער זֵיידֶע דֶערְצֵיילְט אַזַא מַעֲשֶׂה: אַמָאל אִין חֹדֶשׁ אֱלוּל וֶוען אִין אוּקְרֵיינֶע אִיז שׁוֹין גֶעוֶוענְלִיךְ קַאלְט, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶעמָאלְט אִין מִקְוֶה. קוּמְט עֶר אַרַיין אִין מִקְוֶה אוּן זֶעהְט אַן אָרֶעמַאן אַ גַאסְט גֵייט אִין מִקְוֶה אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. הָאט עֶר אִים גֶערוּפְן צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ עֶר זָאל זַיין זַיין גַאסְט.

פְרֶעגְט עֶר דֶעם גַאסְט: "אִיר זֶענְט דָאךְ אַן אוֹרֵחַ, אַ פְרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ, נִישְׁט אַזוֹי גוּט אָנְגֶעטוּן, פַארְוָואס גֵייט אִיר יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה? אַנְדֶערֶע גֶעסְט גֵייעֶן דָאךְ נִישְׁט אִין מִקְוֶה?!".

הָאט מִיר דֶער גַאסְט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה: עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין עֶפֶּעס אַ שְׁטָאט אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר. וַיְהִי הַיּוֹם דֶעם עוֹשֶׁר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פוֹילְן אַ פוּס, הָאבְּן גֶעזָאגְט דָארְטְן דִי דָאקְטוֹירִים אַז מֶען מוּז אִים אַרָאפְּנֶעמֶען דֶעם פוּס, עֶר וֶועט נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן אַזוֹי, זַיין גַאנְצֶער גוּף אִיז אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר מוּז פָארְן קַיין וִוין וואוּ עֶס זֶענֶען דָא דִי גְרוֹיסֶע פְּרָאפֶעסָארְן - זֵיי וֶועלְן אִים אַרָאפְּנֶעמֶען דֶעם פוּס.

הָאט עֶר זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶוען, עֶר וֶועט פָארְן קַיין וִוין. הָאט עֶר פַארְקוֹיפְט זַיין גַאנְצְן פַארְמֶעגְן אוּן דָאס צֶעטֵיילְט צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער - עֶר פָארְט דָאךְ אַוֶועק קַיין וִוין – עֶר וֵייסְט דֶען צִי עֶר וֶועט לֶעבְּן צִי נִישְׁט ?..

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ, וִויבַּאלְד עֶר אִיז גֶעפָארְן אַזוֹי קַיין וִוין מִיט דֶעם וָואגְן, אִיז דֶער פוּס נָאךְ פִיל עֶרְגֶער גֶעוָוארְן - אַז עֶס אַז מַמָּשׁ גֶעוֶוען סַכָּנוֹת .

אִיז אִים דָארְט אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז שַׁבָּת אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם פְּרָאפֶעסָאר (דָאקְטָאר), הָאט עֶר אִים גֶעוִויזְן דֶעם פוּס . הָאט דֶער דָאקְטָאר גֶעזָאגְט: "שׁוֹין אַרָאפְּנֶעמֶען!" . זָאגְט אִים דֶער עוֹשֶׁר: "עֶס אִיז דָאךְ הַיינְט שַׁבָּת - לָאמִיר וַוארְטְן אוֹיף מָארְגְן!". הָאט אִים דֶער דָאקְטָאר גֶעזָאגְט: "מָארְגְן וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זַיין פוּן וֶועמֶען אַרָאפְּצוּנֶעמֶען!"..

הָאט דֶער עוֹשֶׁר זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶוען: " אִיךְ זֶע דָאךְ שׁוֹין מִמֵּילָא וָואס מִיט מִיר אִיז – לָאמִיר כָאטְשׁ גֵיין קוֹדֶם אִין מִקְוֶה מִיט דֶעם פוּס!" אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען קוֹדֶם אִין מִקְוֶה אוּן הָאט גֶעפִילְט אַז עֶס וֶוערְט אִים עֶפֶּעס בֶּעסֶער .

הָאט עֶר זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶוען - עֶר וֶועט וַוארְטְן נָאךְ אַ טָאג. אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אָפְּגֶעזֶעצְן אִין וִוין עֶטְלִיכֶע וָואכְן, אוּן דֶער פוּס אִיז גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעהַיילְט, עֶר הָאט נִישְׁט אַרָאפְּגֶענוּמֶען דֶעם פוּס .

דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער אָרֶעמַאן דֶערְצֵיילְט פַאר מַיין שְׁוֶוער'ס שְׁוֶוער, אוּן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה - אַוַודְאַי בִּין אִיךְ גְלַייךְ דֶערוֹיף גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה ..

# מַעֲשֶׂה ב' - דער מלך און דער קייסער 3

וַיְהִי הַיּוֹם און עֶס אִיז גִיוֶועןְ אַ מֶלֶךְ. דֶער מֶלֶךְ הָאט זִיךְ גִיבּוֹיאִיט פַּאלַאצִין אוֹיף דֶעם יַם. וָוארְן דָארְט אִיז אִים גִיפֶעלְן מַחֲמַת דֶעם אַוִיר פוּן דֶעם יַם און מַחְמַת דִי שִׁיפִין גֵייעֶן דָארְטִין.

און דִי בַּת קֵיסֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם יַם. און אִיז גִיקוּמֶען נָאהֶנְט צוּ דֶעם פַּאלִיץ פוּן דֶעם מֶלֶךְ. דֶער מֶלֶךְ הָאט אַ בְּלִיק גִיטָאן. הָאט עֶר גִיזֶעהְן וִוי דִי שִׁיף גֵייט אָן רִידִירְשׁ און עֶס אִיז דָארְט קֵיין מֶענְשְׁן נִיט דָא הָאט עֶר גִימֵיינְט עֶר אִיז זִיךְ טוֹעֶה.

הָאט עֶר גִיהֵייסִין זַיינֶע מֶענְשְׁן זֵיי זָאלְן קוּקִין הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִיזֶעהְן. און זִי אִיז נָאהֶנְט גִיקוּמֶען צוּ דֶעם פַּאלִיץ. הָאט זִי זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. וָואס טוּיג אִיר דֶער פַּאלִיץ. און הָאט אָן גִיהוֹיבִּין זִיךְ אוּם צוּ קֶערִין. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט און מֶהָאט זִי אוּם גִיקֶערְט קְרִיק. און עֶר הָאט זִי גִיבְּרַאכְט צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּב אַרַיין.

און דֶער מֶלֶךְ הָאט נִיט גִיהַאט קֵיין וַוייבּ וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ נִיט גִיקָאנְט צוּ קְלוֹיבִּין. וָוארְן דִי וָואס עֶר הָאט גִיוָואלְט הָאט אִים נִיט גִיוָואלְט און אַזוֹי פַּאר קֶערְט אוֹיךְ. וִוי דִי בַּת קֵיסֶר אִיז צוּ אִים גִיקוּמֶען. הָאט זִי אִים גִיזָאגְט. אַז עֶר זָאל אִיר שְׁוֶוערִין אַז עֶר זָאל זִי נִיט אָן רִירִין בִּיז עֶר וֶועט זִי נֶעמֶען כַּדִין.

הָאט עֶר אִיר גִישְׁוואוֹירְן. הָאט זִי אִים גִיזָאגְט. אַז עֶס אִיז רֶעכְט. אַז עֶר זָאל נִיט עֶפֶענֶען אִיר שִׁיף און זָאל זִי נִיט אָן רִירִין. נָאר דִי שִׁיף זָאל אַזוֹי שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם יַם בִּיז אִין דֶער חֲתוּנָה.

כְּדֵי אַלֶע זָאלְן זֶעהְן דֶעמוּלְט וִוי פִּיל סְחוֹרָה זִי הָאט גִיבְּרַאכְט. כְּדֵי מִזָאל נִיט זָאגְן. אַז עֶר הָאט גִינוּמֶען. אֵיין אִשָּׁה פוּן דֶעם מַארְק. הָאט עֶר אִיר אַזוֹי צוּ גִיזָאגְט.

און דֶער מֶלֶךְ הָאט גִישְׁרִיבִּין צוּ אַלֶע מְדִינוֹת אַז זֵיי זָאלִין אַלֶע קוּמֶען אוֹיף דֶער חַתוּנָה. און הָאט אוֹיס גִיבּוֹיעֶט פַּאלַאצִין פוּן אִירִיט וֶועגִין. און זִי הָאט גִיהֵייסְן אַז מִזָאל אִיר בְּרֶענְגֶען עֶלֶעף פּאנִיס. אַז זֵיי זָאלִין מִיט אִיר זַיין. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיהֵייסְן.

הָאט מֶען אִיר גִישִׁיקְט עֶלֶעף פּאנִיס זֵייעֶר גְרוֹיסֶע שְׂרָרוֹת טֶעכְטֶער. און מִהָאט אוֹיס גִיבּוֹיעֶט אִיטְלִיכֶער אֵיין פַּאלִיץ אַ בַּאזוּנְדֶערִין. און זִי הָאט אוֹיךְ גִיהַאט אַ בַּאזוּנְדֶערִין פַּאלִיץ. און זֵיי פְלֶעגִין זִיךְ צוּ אִיר צוּם הוֹיף קוּמֶען. פְלֶעגִין זֵיי שְׁפִּילִין אוֹיף כְּלֵי שִׁיר. און זֵיי הָאבִּין זִיךְ מִיט אִיר גִישְׁפִּילְט.

אַמָאל הָאט זִי צוּ זֵיי גִיזָאגְט. זִי וִויל מִיט זֵיי גֵיין אוֹיף דֶעם יַם. זֶענֶען זֵיי מִיט אִיר גִיגַאנְגֶען הָאבִּין זֵיי זִיךְ דָארְט גִישְׁפִּילְט. הָאט זִי צוּ זֵיי גִיזָאגְט. זִי וֶועט זֵיי מְכַבֵּד זַיין מִיט גוּטִין וַויין וָואס זִי הָאט.

הָאט זִי זֵיי גִיגֶעבְּן פוּן דֶעם וַויין וָואס אִיז גִיוֶוען אִין דֶער שִׁיף. זֶענֶען זֵיי שִׁיכּוֹר גִיוָוארֶען. און זֶענֶען אַנִידֶער גִיפַאלִין און זֶענֶען גִיבְּלִיבְּן לִיגִין. אִיז זִי גִיגַאנְגֶען און הָאט אוֹיף גִיבּוּנְדְן דִי שִׁיף. און הָאט צוּ לָאזְט דִי לַייוִונְטְן און אִיז אַנְטְלוֹיפְן גִיוָוארִין מִיט דֶער שִׁיף.

און דער מֶלֶךְ מִיט זַיינֶע לַייט הָאבִּן אַ קוּק גִיטָאן. און הָאבְּן דער זֶעהְן אַז די שִׁיף אִיז נִיט דָא זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר דער שְׁרָאקְן גִיוָוארְן.

הָאט דער מֶלֶךְ צוּ זֵיי גִיזָאגְט זֶעהט אַז אִיר זָאלְט אִיר פְּלוּצִים נִיט זָאגְן ווארִין זִי וֶועט גְרוֹיס צַעַר הָאבִּן (ווארִין דער מֶלֶךְ הָאט נִיט גֶעוואוּסְט אַז זִי אַלַיין אִיז אַנְטְלוֹיפִין גִיוָוארְן עֶר הָאט גִימֵיינְט זִי אִיז אִין אִיר חֶדֶר) און זִי וֶועט מֵיינֶען אַז דער מֶלֶךְ הָאט אֵיינֶעם אַוֶועק גִישֶׁענְקְט די שִׁיף. נָאר מֶען זָאל שִׁיקִין אִיר אֵיינֶע פוּן די פַּאנִיס מֶען זָאל אִיר זָאגְן מִיט חָכְמָה.

אִיז מֶען גִיגַאנְגֶען אִין אֵיין חֶדֶר און מֶען הָאט קֵיינֶעם נִיט גִיפוּנֶען. אִין אַזוֹי אִין אַנְדֶערְן חֶדֶר הָאט מֶען אוֹיךְ קֵיינֶעם נִיט גִיפוּנֶען. און אַזוֹי אִין אַלֶע עֶלֶעף חַדָרִים הָאט מֶען אוֹיךְ קֵיינֶעם נִיט גִיפוּנֶען.

הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַשֵּׁב גִיוֶוען (דֶער מֶלֶךְ מִיט זַיינֶע לַייט) אַז זֵיי זָאלִין אִיר שִׁיקִין בַּיי נַאכְט אֵיין אַלְטֶע שְׁרָרַתְתִּי. אַז זִי זָאל אִיר זָאגִין. אִיז מֶען גִיקוּמֶען צוּ אִיר חֶדֶר הָאט מֶען אוֹיךְ קֵיינֶעם נִיט גִיפוּנֶען זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר דֶער שְׁרָאקִין גִיוָוארֶען.

דֶער וַוייל די פֶּעטִיר פוּן די פַּאנִיס. הָאבְּן גִיזֶעהְן זֵיי הָאבִּין קֵיין שׁוּם בְּרִיוו נִיט פוּן זֵייעֶרֶע טֶעכְטֶער. זֵיי שִׁיקִין בְּרִיוו און מֶען שְׁרַייבְּט זֵיי גָאר נִיט אָפּ.

הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבְּין. און זֶענֶען אַלֶע גִיפָארִין צוּ זֵיי. און הָאבִּין נִיט גִיפוּנֶען אֵיינֶעם פוּן זֵייעֶרֶע טֶעכְטֶער. זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גִיוָוארִין.

הָאבִּין זֵיי גִיוָואלְט דֶעם מֶלֶךְ פַּאר שִׁיקִין. וָוארְן זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען די שָׂרֵי מְלוּכָה. נָאר זֵיי הָאבִּין זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. וָואס אִיז דֶער מֶלֶךְ שׁוּלְדִיג אַז עֶס זָאל אִים קוּמֶען פַּאר שִׁיקִין. דֶער מֶלֶךְ אִיז דָאךְ אֵיין אוֹנֶס.

אִיז גִיבְּלִיבְּן מֶען זָאל אִים אָפּ זָאגִין פוּן דֶער מְלוּכָה און מֶען זָאל אִים פַּאר טְרַייבְּן. הָאט מֶען אִיהם מַעֲבִיר גִיוֶען און מֶען הָאט אִים פַּאר טְרִיבְּן. אִיז עֶר זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.

און די בַּת קֵיסֶר וָואס זִי אִיז אַנְטְלוֹיפִין גִיוָוארִין אִיז גִיגַאנְגֶען מִיט דֶער שִׁיף. דֶער נָאךְ הָאבִּין זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט די פַּאנִיס. און הָאבִּין ווידֶער אָן גִיהוֹיבְּן מִיט אִיר צוּ שְׁפִּילְן אַזוֹי ווִי פְרִיר, וָוארִין זֵיי הָאבְּן נִיט גִיוואוּסְט אַז די שִׁיף אִיז שׁוֹין אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם בָּארְטִין. נָאךְ דֶעם הָאבִּין זֵיי אִיר גִיזָאגְט לָאמִיר זִיךְ אוּם קֶערִין אַהֵיים.

הָאט זִי זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. לָאמִיר נָאךְ זַאמִין דָא אַבִּיסְל. דֶער נָאךְ הָאט זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט אַ שְׁטוּרֶעם ווינְט. הָאבִּין זֵיי גִיזָאגְט לָאמִיר זִיךְ אוּם קֶערִין אַהֵיים.

הָאט זִי זֵיי אוֹיס גִיזָאגְט אַז די שִׁיף אִיז שׁוֹין לַאנְג אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם בָּארְטִין. הָאבִּין זֵיי זִי גְפְרֶעגְט נָאךְ וָואס הָאסְטוּ דָאס גִיטָאן. הָאט זִי גִיזָאגְט זִי הָאט מוֹרָא גִיהַאט טָאמֶער וֶועט די שִׁיף צוּ בְּרָאכִין וֶוערִין מַחְמַת דֶעם שְׁטוּרִים ווינְט

אִיבֶּער דֶעם הָאט זִי גִימוּזְט אַזוֹי טָאן

נאמ: ___________

# לאמיר זיך פארהערן



## מעשה ב׳ פון דער מלך און דער קיסר (3)

**א.** **פארוואס האט דער מלך געבויט פאלאצן אויפ׳ן ים?**
- ☐ וועגן די לופט פון דער ים
- ☐ ווייל די שיפן גייען דארטן
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב.** **פארוואס האט דער מלך נישט געהאט א ווייב?**
- ☐ ווייל ווענען ער האט געוואלט האט זי נישט געוואלט, און אזוי אויך פארקערט
- ☐ ווייל ער האט קיינעם נישט געוואלט
- ☐ ווייל קיינער האט אים נישט געוואלט

**ג.** **וואס האט איהם די בת קיסר געזאגט?**
- ☐ אז ער זאל איר שווערן אז ער וועט קיינמאל נישט אנרורן די שיף
- ☐ אז ער זאל איר שווערן אז ער וועט נישט אנרורן די שיף ביז ער וועט איר נעמען כדת
- ☐ אז עס איז רעכט אז ער זאל נישט עפענען די שיף ביז די חתונה

**ד.** **וואס האט דער מלך געבויט פאר די בת קיסר?**
- ☐ פאלאצן
- ☐ גארנישט
- ☐ א גרויסע שיף

**ה.** **וויפיל פאנעס האט זי געהייסן ברענגען?**
- ☐ צען
- ☐ עלעף
- ☐ צוועלעף

**ו.** **וואס האט מען געבויט פאר די פאנעס?**
- ☐ איין פאלאץ פאר אלע צוזאמען
- ☐ א עקסטערע פאלאץ פאר יעדע איינע
- ☐ מ׳האט גארנישט געבויט פאר זיי

**ז.** **וואס האט זי געטון נאכדעם וואס די פאנעס זענען געווארן שיכור?**
- ☐ זי איז צוריק צו איר פאלאץ
- ☐ זי איז איינגעשלאפן צוזאמען מיט זיי
- ☐ זי האט אויפגעבינדן די שיף און אנטלאפן מיט דער שיף

**ח.** **וואס האבן געטון די טאטעס פון די פאנעס ווען זיי האבן זיי נישט געטראפן זייערע טעכטער?**
- ☐ זיי זענען געגאנגען זיי זוכן אויפ׳ן ים
- ☐ זיי האבן פארשיקט דעם מלך
- ☐ זיי האבן אפגעזאגט דעם מלך פון די מלוכה

**ט.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ☐ איינמאל
- ☐ צוויימאל
- ☐ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

### טרעף די חילוקים

וואס האט די בת קיסר געזאגט פאר דעם בן הסוחר?
און וואס האט די בת קיסר געזאגט צום קעניג וואס האט געבויט פאלאצן אויפן ים?

דער בן הסוחר האט געהאט א ווייב?
דער קעניג וואס האט געבויט פאלאצן אויפן ים האט געהאט א ווייב?

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

ביי די מעשה וואס מיר האבן געלערנט די וואך וויפיל מאל ווערט דערמאנט א"שיף"? 13 מאל מיט
וועלכע סחורה איז די בת קיסר אוועק מיטן שיף, מיט די סחורה וואס דער פאטער האט געגעבן פארן זון אדער מיט
אנדערע סחורה מיט אנדערע סחורה און האט פארקויפט די סחורה און געקויפט אנדערע סחורה

**געווינער אויף די בחינות פון דער מלך און דער קייסער 1 איז הילד הח׳ משה גודלבסקי, בני ברק כתה ז**
**די מתנה קען מען באקומען ביי הר"ר עקיבא רוזנפלד הי"ו**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# אַ נֶעץ וָואס שְׁלֶעפְּט אַרַיין

לָאמִיר שְׁנֶעל מַאכְן אַ קִצּוּר אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט: דֶעם קֵייסֶערְ׳ס טָאכְטֶער גֵייט בַּיים יָם. דָארְט אַנְדֶעקְט זִי פוּנְדֶערְוַוייטְנְס אַ גֶעוִויסֶער קֶענִיג וָואס הָאט גֶעבּוֹיט פְּרֶעכְטִיגֶע פַּאלַאצְן בַּיים בְּרֶעג פוּן יָם. פוּן דִי פֶענְסְטֶער בְּלָאזְט פְרִישֶׁע לוּפְט. דֶער יָם מַאכְט אַ גֶעשְׁמַאקֶער אַטְמָאסְפֶער אוּן אַ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶער יִשּׁוּב הַדַּעַת מִיט אַ פַּאנַארַאמֶע פוּן רוּאִיגְקֵייט. אַ רִיכְטִיגֶער עוֹלָם הַזֶּה. זִי הָאט נִישְׁט קַיין סָפֵק, זִי הֵייבְּט אָן זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן. זִי וֶוערְט נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט זִי דָאס דֶערְגְרֵייכְן. זִי וֶועט זֶען וִויאַזוֹי זִי קֶען זִיךְ דָארְט אַרַיינְבַּאקוּמֶען צוּ לֶעבְן אַ גוּטֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְן.

אִינְמִיטְן פָארְאוֹיס גֵיין, בַּארֶעכְנְט זִי זִיךְ: ״פַארְוָואס דַארְף אִיךְ דֶעם פַּאלַאץ?״ צוּ וָואס דַארְף אִיךְ עֶס דָא? סְ׳פֶעלְט מִיר נִישְׁט אוֹיס. זִיךְ טוּט וָואס זִי דַארְף צוּ טוּן - זִי דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אוּן הֵייבְּט אָן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן.

דֶער קֶענִיג זֶעט אִיר פוּנְדֶערְוַוייטְנְס, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל מְוַותֵּר אוֹיף אִיר. מִיט זַיין אַכְזָרִיּוּת שִׁיקְט עֶר זַיינֶע חֶבְרָה נָאךְ אִיר, מֶען זָאל אִיר פַאנְגֶען...

דֶער ׳מֶלֶךְ זָקֵן וּכְסִיל׳ אִיז אוּנְז מְרַמֵּז אוֹיף דֶער ׳יֵצֶר הָרָע׳, וָואס עֶר אִיז אָנְגֶעלָאדְנְט מִיט שְׁלֶעכְטְס אוּן אַכְזָרִיּוּת, מִיט אַסַאךְ עֵצוֹת אוּן מַחֲשָׁבוֹת וִויאַזוֹי אוּנְז צוּ כַאפְּן אוּן פַארְנַארְן מִיט צִיעֶנְדֶע



אוּן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן. עֶר הָאט גְלַאנְצִיגֶע פַּאלַאצְן, עֶר פַארְמָאגְט אַלֶעס. אוּן עֶר וַוארְט אִין אַ זַייט צוּ זֶען וִויאַזוֹי אוּנְז אַרַיינְצוּכַאפְּן אִין זַיין נֶעץ.

זַיין אַרְבֶּעט אִיז אוּנְז אַיינְצוּרֶעדְן אוּן נִישְׁט אֵייבִּיג פַארְשְׁטֵייעֶן מִיר אַז דָאס אִיז אַ גֶעפַארְפוּלְטֶע נֶעץ אוּן אַ וֵוייטָאגְלִיכֶע פַּאסְטְקֶע. מִיר דֶערְנֶענְטֶערְן זִיךְ... מִיר טְרַאכְטְן: אָט אִיז דָאס שֵׁיינֶע לֶעבְן, דִי אוּנְטֶערְהַאלְטוּנְגֶען, דִי פַארְבְּרֶענְגֶערַיי, דִי שְׁפִּילֶערַייעֶן. אָבֶער וֶוען מִיר שְׁטֶעלְן זִיךְ אָפּ טְרַאכְטְן, כַאפְּן מִיר אוֹיף זֵייעֶר שְׁנֶעל, אַז דָאס זֶענֶען נִידְרִיגֶע אַיינְרֶעדֶענִישְׁן אוּן גָארְנִישְׁט מֶער.

לָאמִיר צוּהֶערְן וָואס אַבְרָמִי רֶעדְט מִיט זַיין זֵיידֶע, אוּן מִיר וֶועלְן עֶס טִיפֶער פַארְשְׁטֵיין.

אַבְרָמִי: ״זֵיידִי זֵיידִי! דוּ וֵוייסְט וָואס אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעקוֹיפְט? דוּ וֵוייסְט וָואס אִיךְ הָאבּ דָא אִין מַיין זֶעקְל? אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע אוּן פָארְגֶעשְׁרִיטֶענֶע שְׁפִּיל. וֶוען מֶען שְׁפִּילְט מִיט דֶעם וִויל מֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן, וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט אֵיין שְׁטַאפְּל, קוּמְט

המשך אויף זייט 3